# פרשת פנחס י"ג - י"ט תמוז תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת פנחס***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו תפארת יהושע. המנהל הרב **יעקב יחזקי' אבערלענדער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו בבארא פארק שליט"א,** ומאת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו במאנסי שליט"א,** השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען קודם די חשובע עלטערן, די זיידעס פון די קינדער, און די חשובע קינדער. מה נכבד היום וואס די קינדער הייבן אן צו לערנען די תורה הק', די התחלה פון די חינוך פון די קינדער צו תורה. דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה.

**די** פרשה די וואך פון בלעם איז א געוואלדיגע פלא. בלק האט געשיקט אז בלעם זאלן קומען שעלטן יודען, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז ער זאל נישט גיין, לא תאור את העם כי ברוך הוא. און נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט מסכים געווען אז ער זאל גיין, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז דו וועסט נאר קענען רעדן וואס איך וועל דיר געבן אין מויל. בלעם איז נישט געווען א נאר, ער איז געווען א נביא ה', ביי די אומות העולם איז ער געווען אזוי גרויס ווי משה רבינו, און ער האט געזעהן אז דער אייבערשטער וויל נישט אז ער זאל שעלטן יודען, האט ער דאך פארשטאנען אז ווען ער וועט גיין, וועט אים דער אייבערשטער אריינלייגען די ווערטער אין מויל, און ער וועט נאר בענטשען יודען. וואס איז געווען דער חשבון פון בלעם, אז ער איז געגאנגען שעלטן יודען.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, און עס איז נוגע צו די חינוך פון קינדער. תוספות (חגיגה טו.) ברענגט צו א ירושלמי (חגיגה ב-ה), אז אחר איז געווען דער רבי פון רבי מאיר, און אויף דער עלטער איז ער יצא לתרבות רעה. דער אחר איז געווען זייער גרויס, ער איז געווען פון די ארבעה וואס זענען נכנסו לפרדס, קען מען זיך פארשטעלן אין וואס פאר א גרויסע מדריגה ער איז געווען, און שפעטער איז ער יצא לתרבות רעה. תוספות ברענגט צו, אז דער פאטער פון אחר איז געווען א אדם חשוב, און אויף די ברית פון אחר, זענען זיך צוזאמגעקומען גדולי ישראל, די תנאים זענען געקומען אטיילנעמען ביי די סעודה פון די ברית. און ער האט צוגעגרייט א גרויסע סעודה, און די תנאים זענען געגאנגען אין א צימער אינדערזייט, און זיי האבן זיך אראפגעזעצט לערנען. און זיי האבן געלערנט מיט אזא קדושה, אז א פייער האט ארומגענומען דעם פלאץ וואו זיי האבן געלערנט. אזוי ווי די תורה וואס איז ניתנה באש, אזוי האבן זיי געלערנט תורה. דער טאטע איז אריינגעקומען, און ער האט געזעהן א פייער אין שטוב, האט ער זיי געפרעגט, עטץ זענטס געקומען פארברענען מיין הויז. האבן זיי געזאגט, ניין, מיר לערנען תורה מיט אזא קדושה, אזוי ווי עס איז געווען ביי מעמד הר סיני, וואס עס איז געגעבן געווארן באש. האט ער געזאגט, אזוי גרויס איז תורה? איך גיי מקדיש זיין מיין קינד פאר תורה. איך וויל מחנך זיין מיין קינד, אז ער זאל אויסוואקסען אזוי גרויס אין תורה. זאגט דער ירושלמי, אז אזוי ווי ער האט געהאט א פניה בשעת ער האט אים מקדיש געווען פאר תורה, ער האט דעמאלטס אינזין געהאט, נישט ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען דארף לערנען תורה וועגן דעם גיי איך אים צושטעלן צו תורה, נאר איך וויל זיין א טאטע פון אזא קינד וואס איז אזוי ווי די תנאים וואס האבן געלערנט תורה און עס האט געברענט א פייער ביי זיי. די דקות'דיגע מחשבה וואס ער האט געהאט, האט צוגעברענגט דערצו, אז דאס קינד איז נישט אויסגעוואקסען אזוי ווי עס דארף צו זיין. און דער גרויסער תנא וואס איז נכנס לפרדס, איז שפעטער ארויסגעגאנגען לתרבות רעה.

**די** נקודות הדברים איז, אז עס איז נישט גענוג אז א טאטע מיט א מאמע וואונטשען זיך אז דאס קינד זאל אויסוואקסען אין תורה, ער וואונטשט זיך אז ער זאל האבן קינדער תלמידי חכמים. ווייל פארוואס טוסטו עס, ווייל דו ווילסט האבן נחת אז דו ביסט דער טאטע פון דעם קינד. דאס איז טייטש אז דו האסט א זייטיגע פניה, דאס איז נישט די ריכטיגע כוונה. די כוונה דארף

זיין ריין פארן אייבערשטער. מיר זענען עבדי ה', און דער אייבערשטער האט אונז געהייסען אז מיר זאלן מגדל זיין אונזערע קינדער צו תורה, און ער זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און עס איז נישט קיין נפקא מינה וויפיל כבוד ער וועט האבן שפעטער דערפון, איך געב אוועק מיין קינד לתורה. דאס איז טייטש, אז דער עצם לימוד אליין איז נישט גענוג, עס ווענדט זיך מיט וועלכע מחשבה דער מענטש גייט אריין בשעת ער לערנט תורה מיטן קינד.

**נישט** אומזיסט זאגט די גמרא (חגיגה טו:) אם הרב דומה למלאך ה' צבאו'ת תורה יבקשו מפיהו, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו. פארוואס דארף זיין דער רבי א מלאך? אויב ער וועט זיין א בשר ודם, און ער איז א תלמיד חכם, איז נישט גענוג אז מען זאל קענען לערנען ביי אים תורה? נאר תורה ווערט נישט נקנה מיט דעם אז מען לערנט סתם תורה, נאר די קדושה וואס איז דא אין די תורה, וויפיל ערליכקייט דער רבי לייגט אריין אינעם קינד ווען ער לערנט מיט אים תורה, דאס מאכט אויס אויף דעם קינד שפעטער, און דאס האט די השפעה אויפן קינד.

**בלעם** האט געוואוסט אז ער קען נישט שעלטן יודען, און ער וועט זיי דארפן בענטשען. מיטן מויל וועט ער זאגען די ברכות, אבער אין הארץ האט ער צוגעגרייט עפעס אנדערש וואס צו טראכטען, און ער האט געוואוסט, אז טאמער די הארץ איז נישט דארט בשעת ער זאגט די ברכה, וועט די ברכה נישט קענען זיין א ריכטיגע ברכה. און עס איז אים כדאי געווען אפילו ער וועט דארפן געבן די ברכות, אבער דורך דעם וואס ער האט געטראכט אין הארץ אז ער מיינט נישט די ברכה ערנסט, ער האט א פניה בשעת ער זאגט עס, וועט די ברכה ממילא נישט חל זיין, האט ער נישט מורא געהאט צו גיין.

**און** עס שטייט טאקע אין די גמרא (סנהדרין קה:), אז אלע ברכות וואס בלעם האט געגעבן, כולן חזרו לקללות, די ברכה איז נישט געבליבן א ברכה. וויבאלד ער איז נישט געקומען ערליך בענטשן יודען, איז אלעס שפעטער געווארן א קללה. און ווען בלק האט פארגעהאלטן בלעם פארוואס ער שעלט נישט. איך האב דיר גערופן שעלטן, והנה ברכת ברך. האט אים בלעם געזאגט, האב נישט קיין מורא, פון מיין ברכה וועלן זיי נישט אסאך פארדינען. דער אייבערשטער צווינגט מיך טאקע צו זאגען די ברכה, 'את אשר ישים ה' בפי אותו אשמור', איך וועל עס אפהיטן, 'לדבר' (כג-יב), אז עס זאל נאר זיין א דיבור אליין, אבער מיין הארץ וועט נישט זיין דארט, און אז דאס הארץ איז נישט דארט, איז די ברכה גארנישט. זאגט די גמרא, אז כולן חזרו לקללות.

**איינס** איז געבליבן, מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל (כד-ה), ווי גוט זענען די געצעלטן פון תורה, וואס יודען זענען דארטן. ער זאגט א דאפעלטע לשון. און ער הייבט אן מיט יעקב, און ער ענדיגט ישראל. און ביי יעקב זאגט ער אהלך, און שפעטער זאגט ער משכנותיך ישראל.

**יודען** האבן צוויי נעמען, א קינד האט צוויי נעמען. ווילאנג ער איז קליין, איז ער יעקב, ווען ער וואקסט אויף, קומט ער אין א העכערע מדריגה, דעמאלטס ווערט ער ישראל. כלל ישראל ווען זיי זענען נישט ראוי, זענען זיי יעקב, ווען זיי זענען ראוי, הייסען זיי ישראל. יעקב איז ידו אוחזת בעקב עשו, ער האט נאך עפעס אין זיך, ער כאפט אים נאך אן ביי די פוס, ער קען זיך נאכנישט אינגאנצן אפרייסן פונעם עשו, ער איז דאך א בשר ודם. שפעטער ווען ער וואקסט אויס דעמאלטס ווערט ער ישראל, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל. אלעס איז נאר פארן אייבערשטען, ער האט נישט קיין שום שייכות מיט עשו.

**בשעת** א קינד הייבט אן צו גיין אין חדר, דאס איז דער אהליך יעקב, ער איז נאך אין די בחינה פון יעקב, עס איז ידו אוחזת בעקב עשו. די חדר איז ווי א אהל, א אהל ארעי, ער וואוינט נאך נישט דארט. ווען ער ארבעט זיך אויס, און ער וואקסט אויס א תלמיד חכם, דעמאלטס ווערט פון אים משכנותיך ישראל, דעמאלטס ווערט ער א ישראל, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל, און דעמאלטס איז עס משכנותיך, דאס איז מיין וואוינונג, די בית המדרש איז זיין ערשטער היים.

**אבער** אז מען זאל צוקומען צו משכנותיך ישראל, אז מען זאל צוקומען אויסצוואקסען א ריכטיגער תלמיד חכם, דאס הייבט זיך נישט אן דארט, דאס הייבט זיך אן אין די יוגענט. ווען עס איז מה טובו אהלך יעקב, דעמאלטס איז מען זוכה צו משכנותיך ישראל. בשעת מען איז מחנך א קינד, איז א נפקא

מינה ווי אזוי מען איז מחנך א קינד, וואס פאר א רבי עס איז דא דארט, וויפיל יראת שמים עס ליגט אינעם רבי וואס לייגט אריין די תורה אין אים. יעדער טאטע איז א רבי פארן קינד, וויפיל ערליכקייט ליגט אינעם טאטען בשעת ער איז מחנך זיין קינד. טאמער ער מיינט עס אמת'דיג בלתי לה' לבדו, דער אהליך יעקב איז טוב, דעמאלטס איז דער משכנותיך ישראל ווי עס דארף צו זיין.

**און** דאס איז דער לימוד מוסר השכל, מען קומט זיך צוזאם, מען פאנגט אן מחנך צו זיין דאס קינד צו לערנען תורה. טאמער עס כאפט זיך אריין א שטיקל פניה דערביי, איז עס אזוי ווי מען געפונט ביי אחר, אז עס האט נישט גענוצט זיין גאנצע תורה אז עס זאל בלייבן ביי אים שפעטער א קיום. ווען מען קומט זיך צוזאם מיט א ערליכע כוונה, אז מען וויל מגדל זיין ערליכע קינדער לה' ולתורתו, דעמאלטס איז מען זוכה אז מען קען מעמיד זיין קינדער וואס זאלן זיין א פראכט פאר די עלטערן, און א פראכט פארן אייבערשטען.

**וויל** איך אנוואונטשען פאר די קינדער, דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן אויסוואקסען גרויסע תלמידי חכמים און ערליכע יודען. און די עלטערן און די זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. עס קומט א עקסטערן דאנק פארן חשובן מנהל זאל זיין געזונט, וואס לייגט אריין אזויפיל כח אינעם תלמוד תורה, עס האט ממש אויפגעלאכטען דער תלמוד תורה זייט ער געפונט זיך דא. דער חשובער מלמד וואס האט אריינגעלייגט כח אין די קינדער, עס איז געווען א שווערער זמן וואס מען זאל קענען אויסלערנען די קינדער דאס וואס זיי דארפן צו קענען. ב"ה עס איז אזא גרויסע קלאס, און יעדעס קינד האט געזאגט מיט אזא חשק, מען זעהט די כוחות וואס מען האט אריינגעלייגט. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער זיין פון די מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד. און מיר זאלן זוכה אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהודא שאלאמאן** הי"ו, שהתקיים בבית הסב הר"ר **משה אליעזר רובינשטיין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לשכונת אלפיין עקערס וקבע מזוזה בבית הר"ר **עמרם הירש** הי"ו. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת פנחס***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף דוד כ"ץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** וואונטשט אן ביי א סעודת ברית מילה, ביי די הרחמן'ס, הרחמן הוא יברך בעל ברית המילה, דער אייבערשטער זאל בענטשען דעם בעל ברית המילה, אשר שש לעשות צדק בגילה, וואס ער האט געטון די מצוה מיט א שמחה, וישלם פעלו, און דער אייבערשטער זאל אים באצאלען פעלו, אויף יעדע מצוה באצאלט דאך דער אייבערשטער שכר, ומשכרתו כפולה, און משכרתו זאל זיין כפולה, א דאפעלטער שכר, ויתנהו למעלה למעלה. וואס איז דער משכרתו כפולה, וואס איז דער דאפעלטער שכר. יעדע מצוה האט זיין שכר, מען באקומט נישט קיין כפל שכר פאר די מצוה.

**בפשטות**, דאס איז איינע פון די מצות וואס יעדע טאטע איז מקיים בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה (שבת קל.), און ווען א יוד איז מקיים א מצוה בשמחה, אויסער די שכר וואס ער באקומט אויף די מצוה אליין, באקומט ער אויך שכר אויף די שמחת המצוה, תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב (דברים כח-מז), און אזוי ווי די מצוה האט ער געטון מיט א שמחה, אשר שש לעשות צדק בגילה, איז משכורתו כפולה, באקומט ער א שכר פאר די מצוה, און ער וועט באקומען שכר אויף די שמחה אויך.

**עס** קען אפשר זיין, דער הייליגער **חתם סופר** ברענגט צו די וואך אין די פרשה, אז עס איז דא דריי

ערליי שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר א מצוה. אמאל איז דא וואס דער אייבערשטער באצאלט שכר אויף די וועלט, עס איז דא מצות אין די תורה, וואס אין פשטות קוקט אויס, אז דער באשעפער באצאלט שכר. כבד את אביך ואת אמך, למען יאריכון ימיך (שמות כ-יב), עס איז דא שכר אויף די וועלט. אם בחוקותי תלכו, ונתתי גשמיכם בעתם (ויקרא כו-ג). א צווייטע שכר איז דא, וואס דאס איז דער אלגעמיינער שכר, שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), אבער עס איז דא שכר אוועקגעלייגט אויף עולם הבא. עולם הבא איז א נצחיות'דיגע וועלט, יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה (אבות ד-כב). דער באשעפער האט אוועקגעלייגט דעם שכר פון א יוד אויף עולם הבא. און עס איז דא נאך א דריטע שכר, די משנה זאגט (אבות ד-ב) שכר מצוה מצוה, ווען א יוד טוט א מצוה, באצאלט אים דער אייבערשטער שכר, אז ער שיקט אים צו נאך א מצוה וואס ער זאל קענען מקיים זיין. 'שכר מצוה', די שכר פון די מצוה איז, 'מצוה', אז דער באשעפער איז אים מזמין א פרישע מצוה. און דאס איז דער גרעסטער שכר. פארוואס, ווייל יפה שעה אחת בתורה ובמעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא (שם), קומט אויס, אז ווען דער אייבערשטער איז אים מזמין נאך א מצוה, באקומט ער א זאך וואס איז מער פון כל חיי עולם הבא, איז דאס די גרעסטע שכר וואס דער אייבערשטער קען געבן פאר א מענטש.

**דעם** שכר, זאגט דער חתם סופר, איז מען נאר זוכה, ווען א מענטש טוט די מצוה בלתי לה' לבדו. עס איז אזא חשובע שכר, אז ווען א מענטש האט געטון די מצוה מיטן גאנצן שלימות, איז ער זוכה צו דעם שכר. פנחס האט מקנא געווען קנאת ה', און ער האט עס געטון מיטן גאנצן הארץ. תחת אשר קנא לאלקיו (במדבר כה-יג), עס איז נאר געווען פארן אייבערשטענ'ס וועגן, ער האט נישט געהאט קיין שום זייטיגע פניה, אדרבה, עס איז געווען א מסירת נפש פון אים, מען האט אים געקענט הרג'ענען, און ער האט געטון די מצוה. האט אים דער אייבערשטער באצאלט דעם שכר, ער האט אים געגעבן נאך א מצוה, ברית כהונת עולם, ער האט אים געגעבן כהונה, און דאס איז די שכר מצוה אויף דעם וואס ער האט געטון. והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם, תחת אשר קנא לאלקיו, ווייל ער האט מקנא געווען בלתי לה' לבדו, האט אים דער אייבערשטער באצאלט שכר מצוה מצוה.

**קומט** אויס, אז דער גרעסטער שכר מצוה איז, ווען דער אייבערשטער איז מזמין פאר א יוד, ער גיט אים צו נאך א מצוה וואס ער זאל קענען מקיים זיין. יעדע שכר מצוה וואס דער באשעפער גיט עולם הזה, איז איין שכר, עס איז נישט דא קיין גֶעדאפעלטער שכר. ער גיט אים עולם הבא, איז עס א איינצעלנע שכר. אבער ווען דער באשעפער איז אים מזמין אז ער קען טון נאך א מצוה, איז עס א דאפעלטע שכר. קודם די מצוה וואס דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען, און אויף די מצוה גייט ער דאך אויך באקומען שכר. קומט אויס, אז ווען דער אייבערשטער גיט פאר א יוד שכר מצוה, און ער גיט אים א מצוה, איז עס א דאפעלטער שכר. ווייל ער באקומט די מצוה אליין וואס עס איז א שכר, און אויף די מצוה גייט ער ווייטער באקומען שכר. אשר שש לעשות צדק בגילה, אז א יוד האט מקיים געווען די מצוה מיט א שמחה, און אויף דעם וועט דאך דער אייבערשטער באצאלן שכר מצוה מצוה, וישלם פעלו ומשכרתו כפולה, וועט אים דער אייבערשטער געבן אזא שכר, וואס דער שכר איז געדאפעלט, ויתנהו למעלה למעלה, דער באשעפער וועט אים העלפן אז ער וועט שטייגען.

*

אחר תפלת מנחה הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת סיום מסכת תענית שנלמדה בישיבתנו הק' במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**', שהתקיים בבית המדרש של הישיבה גדולה. הבחור **יהושע** (ב"ר דוב) **ברילל** ני"ו נתכבד לסיים מסכת תענית. אחר הסיום אמר **רבינו שליט"א** קדיש דרבנן, ויצא בריקוד לכבוד השמחה. הבחור **משה** (ב"ר יצחק אלעזר) **ווערצבערגער** ני"ו נתכבד להתחיל מסכת מגילה. אחר שנשמעו דברי תורה מאת הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה) השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו, ונשמעו ע"י הוק-אפ בכל ריכוזי אנ"ש שנקבצו לסיומים במסגרת חבורת '**ובהם נהגה**'. בברכת המזון נתכבד המנהל הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אטיילצונעמען דא ביי די סיום מסכתא פון די חשובע בחורים. יעדע סיום מסכתא זאגט די גמרא (שבת קיט.) איז א יומא

טבא לכולא רבנן. ווען מען האט מסיים געווען א מסכתא, האט מען זיך נישט נאר אליין געפריידט, נאר מען האט צוזאמגענומען אלע תלמידי חכמים, און מען האט זיך געפריידט צוזאמען, אפילו מיט פרעמדע וואס האבן נישט געהאט קיין שייכות מיט דעם לימוד. און כל שכן דא, וואס מען רעדט פון די חבורה פון 'ובהם נהגה', וואס איך בין אויך א חלק דערפון, איך האלט אויך מיט דעם שיעור. עס איז דא דא אפשר צען מנינים בחורים אין די ישיבה וואס זענען מסיים די מסכתא, א גרויס טייל מיט די בחינות. אטייל בחורים וואס זענען דא, זענען פון די ישיבה קטנה, וואס זענען פארנומען א גאנצן טאג צו לערנען סדרי הישיבה, און פון דעסטוועגן דאך נעמען זיי זייער פרייע צייט, און זענען ממשיך צו לערנען 'ובהם נהגה', און זיי נעמען די בחינות דערויף, אשרי חלקם, עס איז א געוואלדיגע שמחה אז מען איז מסיים די מסכתא.

**עס** איז א שמחה פאר אונזער גאנצע קהלה, מען קומט זיך יעצט צוזאם, נישט נאר דא אין ישיבה, נאר אויך די בעלי בתים וואס האבן מיטגעהאלטן, סיי אין וויליאמסבורג, סיי אין בארא פארק, סיי אין מאנסי, סיי אין לעיקוואוד, קומען זיך צוזאם צו א סעודה לכבוד די סיום פון די מסכתא, איז אוודאי א געוואלדיגע שמחה, און א געוואלדיגע חיזוק פאר אונז. די תורה דאס איז אונזער לעבן, כי הם חיינו ואורך ימינו, און מען נוצט אויס יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, אוועקצוגעבן פאר תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין פון איין מסכתא צו די צווייטע מסכתא, און מען זאל קענען מסיים זיין אסאך מסכתות, אזוי ווי מען זאגט אין די תפלות, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

**דער** סדר איז, אז מען איז משלב דעם סיום מסכתא, מיט די אנהייב פון די מסכתא. דער סיום מסכתא איז, אמר רבי אלעזר, עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות מחול לצדיקים, לעתיד וועט דער אייבערשטער מאכן א רינג פאר די צדיקים, והוא יושב ביניהם בגן עדן, און דער אייבערשטער וועט זיצן צוזאמען מיט די צדיקים אין גן עדן, וכל אחד ואחד מראה באצבעו, און יעדער וועט ווייזן מיטן פינגער, ואמר ביום ההוא, הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו, זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו (תענית לא.).

**די** שטיקעלע גמרא אליין איז א מוסר השכל פאר אונז אלע, וואס דער אייבערשטער וועט אונז באצאלן פאר דעם וואס מען זיצט און מען לערנט און מען דינט דעם אייבערשטען. עס איז נישט דא קיין גרעסערער תענוג פון דעם, וואס מיר וועלן זיצן כביכול מיטן רבונו של עולם צוזאמען. עס וועט זיין א רינג, און דער אייבערשטער וועט זיין אינדערמיט, והוא יושב ביניהם בגן עדן, און מען וועט קענען ווייזן מיט די פינגער, הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו. אין די הרחמן'ס וואס מען זאגט פסח ביינאכט [אין א טייל פלעצער זאגט מען עס גאנץ יום טוב] איז מען מתפלל און מען בעט, אז מען זאל זיין צווישן די צדיקים וואס זענען יושבים ועטרותיהם בראשיהם, ונהנים מזיו השכינה. עס איז א געוואלדיגער חיזוק, אז דער אייבערשטער וועט אמאל באצאלן פאר די פלאג וואס מען האט אויף תורה.

**אנהייב** פון די מסכתא רעדט זיך פון ווען מען דארף מזכיר זיין גבורות גשמים, מאימתי מזכירין גבורות גשמים (תענית ב.), אז עס איז א מחלוקת צווישן רבי אליעזר מיט רבי יהושע, און דער גאנצער פרק שפעטער איז געבויט אויף די תעניתים וואס מען פלעגט צו פאסטן, טאמער עס איז נישט געקומען קיין רעגן. - וואס איז דער קשר פון עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים, מיט דעם וואס ער הייבט אן, פון ווען איז מען מתפלל אויף גשמים?

*

**לא** המדרש העיקר אלא המעשה (אבות א-יז). פריער איז דא א גמרא (תענית כג.), וואס די גמרא רעדט פון חוני המעגל. חוני המעגל איז געווען א תנא, ער איז געווען א גרויסער צדיק, און ווען עס האט אויסגעפעלט רעגן, פלעגט מען קומען צו אים, און ער פלעגט מתפלל זיין. די גמרא פארציילט, אז פעם אחת יצא רוב אדר, עס איז שוין אדורכגעגאנגען רוב ווינטער, מען האט שוין געהאלטן ביי פורים צייט, ולא ירדו גשמים, און גאנץ ווינטער איז נישט געקומען קיין רעגן. און מען האט געשיקט צו חוני המעגל, התפלל וירדו גשמים, ער זאל מתפלל זיין אויף רעגן. התפלל, ולא ירדו גשמים, עס האט נישט געהאלפן די תפלה. עג עוגה, איז ער געגאנגען און ער האט געמאכט א רינג, ועמד בתוכה, און ער האט זיך אריינגעשטעלט אין דעם רינג, כדרך שעשה חבקוק הנביא, ער האט געטון אזוי ווי מען געפינט

ענליך דערצו ביי חבקוק הנביא (חבקוק ב-א), אז ער האט זיך אריינגעשטעלט אין א מצור, און ער האט געזאגט פארן אייבערשטען, רבונו של עולם, בניך שמו פניהם עלי, ווייל איך בין אזוי ווי א בן בית. איני זז מכאן עד שתרחם על בניך, איך וועל זיך נישט אוועקרוקן פון דא, ביז דו וועסט זיך מרחם זיין, און דו וועסט געבן רעגן. צום סוף איז געקומען נישט קיין פשוטער רעגן, נאר גאר א גרויסער רעגן, ווי די גמרא פארציילט דארטן.

**וואס** איז דער 'עג עוגה', ער האט געמאכט א רינג, און ער האט זיך אריינגעשטעלט דערין. ווען ער האט נישט קיין רינג, קען ער נישט זאגן די זעלבע? רבונו של עולם, איך גיי דא שטיין, איך רוק זיך נישט אוועק, ביז דו וועסט נישט געבן קיין רעגן. פארוואס דארף זיין דער עג עוגה, אז ער האט געמאכט א רינג, און אזוי האט ער מתפלל געווען? - און דער חידוש איז נאך שטערקער, מען האט אים גערופן חוני המעגל. פארוואס האט ער געהייסן חוני המעגל, זיין נאמען איז געווען חוני, ער האט געהאט איין נאמען. המעגל, ער איז געווען דער וואס האט געמאכט א רינג ארום זיך, און אזוי האט ער מתפלל געווען. וועגן דעם רינג וואס ער האט געמאכט, האט ער גאר באקומען א נאמען, אז ער איז דער חוני המעגל? וואס איז דער ענין פון דעם רינג וואס ער האט געמאכט, און אזוי האט ער מתפלל געווען.

*

**איך** וועל מקדים זיין א גמרא וואס איז דא אין אנהייב מסכת ברכות (ד:). די גמרא פרעגט, פארוואס אין קאפיטל פון אשרי איז אויסגערעכענט די גאנצע אל"ף בי"ת, און דער אות נו"ן איז נישט אויסגערעכענט. זאגט די גמרא, ווייל דער נו"ן ווייזט אויף נפילה פון יודען, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (עמוס ה-ב), נפלה ולא תוסיף קום, בתולת ישראל. נפלה, יודען זענען געפאלן, ולא תוסיף קום, און זיי וועלן מער נישט אויפשטיין, בתולת ישראל, כלל ישראל. זאגט די גמרא ווייטער, אפילו הכי סמכה דוד ברוח הקודש, דוד המלך האט עס נאכדעם מסמיך געווען, ער האט אויסגעלאזט דעם נו"ן, אבער ביי דעם סמ"ך האט ער געשריבן סומך ה' לכל הנופלים, אזוי האט ער צוריק מסמיך געווען די נופלים, אז דער אייבערשטער וועט זיי אמאל אויפהייבן. די גמרא דרש'נט, נפלה, עס איז געפאלן, ולא תוסיף, און עס וועט מער נישט פאלן, קום בתולות ישראל. - וואס איז דער ענין, אז דער נו"ן שטייט נישט, ווייל עס איז דא א נפילה דערין, און ביי דעם סמ"ך האט ער יא געשריבן, ווייל סמ"ך דאס איז סומך ה' לכל הנופלים.

*

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז. די גמרא (תענית כו:) זאגט, לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב, עס איז נישט געווען קיין ימים טובים ביי יודען אזוי ווי ט"ו באב. דער **בני יששכר** (אב ד-א) ברענגט אין נאמען פונעם **אוהב ישראל**, דער הייליגער **אפטער רב זי"ע**, אז ט"ו בא"ב ווייזט אויף דער אות ס', וואס איז דער פופצענטער אות פון אל"ף בי"ת. דער ס' איז א רינג, עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים, און ביי א רינג איז נישט דא אז איינער איז גרויס, און איינער איז קליין. איינער איז אויבן, און איינער איז אונטען. עס איז א רינג, יעדער איינער איז די זעלבע. עס איז נישט דא קיין קנאה, עס איז נישט דא קיין שנאה, עס איז נישט דא קיין קריגערייען, אז איינער איז פרייער, און איינער איז שפעטער. דער סימבאל פון א רינג איז שלום, אחדות, יעדער איז אייניג. קומט אויס אז דער לא היו ימים טובים בישראל כט"ו באב, וואס דאס ווייזט אויפן אות ס', דאס איז די גרעסטע ברכה וואס איז דא ביי יודען. ווען יודען זענען באחדות, מען איז צוזאמען, עס איז דא שלום ביי יודען, מען קריגט זיך נישט, איינער איז נישט מקנא דעם צווייטן, מען האט נישט פיינט דעם צווייטן, יעדער איז א רינג, יעדער איז אייניג, מיר זענען אלע עבדים פונעם אייבערשטען, און מיר זענען באחדות איינער מיטן צווייטן, דארט ליגט די ברכה פונעם כלל ישראל. לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל, אלא השלום (עוקצין ג-יב), וואו עס איז דא די מדה פון שלום, דארט איז דא די כלי וואס איז מחזיק ברכה.

**אז** מען נעמט די אות ס', און מען צוברעכט עס, דעם רינג צוברעכט מען, ווערט דערפון צוויי נו"ן'ס. איין נו"ן איז א געווענליכע נו"ן, און די אנדערע נו"ן איז א נו"ן הפוכה. עס איז דא צוויי נו"ן'ס, עס איז דא א געווענליכע נו"ן, און ביי די פרשה פון ויהי בנסוע איז דא א נו"ן הפוכה. ווייל ווען מען צעברעכט דעם ס', מען צעברעכט דעם שלום, וואס אויף דעם ווייזט דער ס'. ווען עס איז דא קנאה און שנאה ביי יודען,

דאס ברענגט די נפילה. ווען דער ס' ווערט צעבראכן, ווערט א נפילה, עס איז צוויי נפילות.

**מען** שטייט פאר די טעג וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן פונעם בית המקדש, עס שטייט אין די גמרא (יומא ט.) אז דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן, נישט ווייל עס האט געפעלט לערנען, נישט ווייל עס האט געפעלט עבודה אדער גמילות חסדים, אלא מפני שנאת חנם שהיה ביניהם, עס איז געווען שנאת חנם, מען האט צעבראכן דעם ס', מען האט צעבראכן דעם אחדות, איז געווארן א נפילה. און אז מען וויל אז דער אייבערשטער זאל העלפן פאר יודען, דארף זיין די מדה פון דעם ס'.

**האט** דוד המלך נישט אריינגעשטעלט קיין אות נו"ן אין די פרשה פון אשרי, ווייל דער נו"ן דאס ווייזט דאך אז מען האט גענומען דעם ס' און מען האט עס צעבראכן, און עס איז געווארן דערפון א נו"ן, א נפילה. און א נפילה איז דאך נישט גוט, נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל. אבער אפילו הכי סמכה דוד ברוח הקודש, דוד המלך האט געמאכט אז דער ס' זאל צוריקגיין, און אז דער ס' גייט צוריק איז נישט דא דער נו"ן. דער נו"ן איז דאך נאר געווארן, ווייל עס איז צעבראכן געווארן דער ס', האט ער עס סומך געווען ברוח הקודש, סומך ה' לכל הנופלים.

*

**חוני** המעגל האט געזעהן אז עס איז נישט דא קיין רעגן. פארוואס איז נישט דא קיין רעגן, דאס איז טייטש אז עס פעלט די השפעה אז די ברכה זאל אראפקומען אויף די וועלט, ועצר את השמים ולא יהיה מטר. ווען ביי יודען וואלט געווען אהבה ואחוה ושלום ורעות, עס וואלט געווען ביי יודען די כלי וואס איז מחזיק ברכה, וואלט אראפגעקומען רעגן. נאר ווייל עס פעלט די כלי מחזיק ברכה, פעלט די רעגן. עג עוגה, איז ער געגאנגען און ער האט געמאכט א ס', א רינג, און ער האט זיך אריינגעשטעלט אינעווייניג אין דעם רינג, און ער האט געזאגט, איני זז משם, איך גיי נישט ארויס פון דעם ס', ביז דער אייבערשטער וועט נישט העלפן אז עס זאל זיין שלום ביי יודען, עס זאל זיין א כלי וואס איז מחזיק ברכה עס זאל קענען אראפקומען רעגן. דער עג עוגה איז נישט סתם ער זאל זיך אנצייכענען וואו ער זאל שטיין, מיט דעם עג עוגה האט ער געוואלט ארויסברענגען פאר יודען, עטץ זאלטס וויסן פארוואס עס פעלט רעגן, ווייל עס איז נישט דא קיין ס'. אז עס וועט זיין א סמ"ך, עס וועט זיין אחדות ביי יודען, וועט זיין א ברכה. ווען עס וועט זיין א כלי מחזיק ברכה, וועט צוקומען דערצו אז עס וועט זיין רעגן. עג עוגה, האט ער געמאכט א רינג, און אזוי האט ער מתפלל געווען.

**פארוואס** דארף מען מתפלל זיין אויף גשמים, ווייל עס פעלט שלום, עס פעלט דער אות ס'. איז דער סיום פון די מסכתא עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים, דער אייבערשטער וועט מאכן א רינג פאר די צדיקים. די צדיקים וואס האבן געדינט דעם אייבערשטען, און עס איז נישט געווען ביי זיי קיין קנאה און קיין שנאה, מען האט ליב געהאט יעדן יוד מיטן גאנצן הארץ, די צדיקים וועלן זוכה זיין צו זיין אין דעם מחול לצדיקים, אין דעם רינג וואס דער אייבערשטער וועט האבן מיט די צדיקים. ווייל די צדיקים וואס האבן זיך געפירט מיט א מחול, זיי האבן זיך געפירט מיט דעם אות ס', דארט וועט זיין די ברכה. - און דאס האט א קשר צום אנהייב פון די מסכתא, אז דאס וואס מען דארף מתפלל זיין אויף גשמים, נישט אייביג זענען יודען ראוי עס זאל קומען גשמים, דאס איז ווייל עס פעלט דער מחול לצדיקים, עס פעלט דער רינג. און ווען עס איז געקומען חוני המעגל און ער האט געמאכט דעם ס', דעמאלטס איז געקומען רעגן.

**האט** מען אים נישט סתם אזוי גערופן חוני המעגל, ווייל ער האט געמאכט א רינג, נאר דער רינג האט געוויזן אויף עפעס. דער רינג האט געוויזן דעם סימבאל פון חוני, אז דער חוני איז געווען המעגל, זיין גאנץ לעבן איז געווען ווי א רינג, עס איז נישט געווען ביי אים א חילוק פון איין יוד צו א צווייטן יוד, ער האט יעדן ליב געהאט, און ער האט יעדן ארויסגעהאלפן מיטן גאנצן הארץ, און דורכדעם האט ער געהאט א כח אז ער האט געקענט אראפברענגען גשמי ברכה אויף די וועלט.

*

**די** גמרא זאגט דארטן ביי דעם חוני המעגל, אז ער האט זיך אמאל געשטעלט אויף דעם פסוק (תהלים קכו-א) שיר המעלות, בשוב ה' את שיבת ציון, היינו כחולמים. די ערשטע בית המקדש איז חרוב געווארן,

און נאך זיבעציג יאר איז אויפגעבויט געווארן דער צווייטער בית המקדש, און אויף דעם איז געזאגט געווארן דער שיר המעלות. האט ער געזאגט, פון איין בית המקדש צום צווייטן איז אדורך זיבעציג יאר, און היינו כחולמים, עס איז אזוי ווי א חלום. איז דען דא א מענטש וואס שלאפט זיבעציג יאר? האט מען פון הימל אזוי צוגעפירט, אז ער איז איינגעשלאפן, און ער איז געשלאפן זיבעציג יאר. נאך די זיבעציג יאר איז ער אויפגעשטאנען, און ער איז אהיימגעגאנגען צו זיין שטוב, און ער האט געפרעגט, איז געבליבן קינדער פון חוני המעגל? האט מען געזאגט, ניין, קינדער האט ער שוין נישט, אבער אייניקלעך האט ער. האט ער געזאגט, אנא חוני המעגל, איך בין חוני המעגל. לא הימנוהו, האט מען אים נישט געגלייבט. זיבעציג יאר האט מען געוואוסט אז חוני המעגל איז נישט דא. אזל לבית המדרש, איז ער געגאנגען אין בית המדרש, האט ער געהערט ווי די רבנן זאגן, נהירן שמעתתא, עס איז אזוי קלאר פאר אונז דאס לערנען, כבשני חוני המעגל, אזוי ווי אין די יארן ווען חוני המעגל איז געווען. דכי הוי עייל לבית מדרשא, ווען חוני המעגל פלעגט אריינצוקומען אין בית המדרש, יעדע קשיא וואס די רבנן האבן געהאט, הוה מפרק להו, איז זיי פארענטפערט געווארן. אמר להו, האט ער זיי געזאגט, אנא ניהו, איך בין חוני המעגל, ולא הימנוהו, מען האט אים נישט געגלייבט, ולא עבדי ליה יקרא כדמבעי ליה, און מען האט אים נישט מכבד געווען אזוי ווי מען דארף אים מכבד זיין. האט ער געהאט חלישת הדעת, בעי רחמי ומית, מען קען נישט לעבן אויף אזא אופן, און ער איז געשטארבן.

**ווען** ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש האט מען געזאגט, אז עס איז אזוי קלאר דאס לערנען, אזוי ווי אין די צייטן פון חוני המעגל. די גמרא פארציילט נישט, אז ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש, האט ער אנגעפאנגען מפלפל צו זיין מיט די תלמידים, און ער האט געפרעגט, וואס לערנט מען יעצט, און וואס איז דא עפעס קשיות, און איך וועל ענק פארענטפערן די קשיות, איך וועל ענק אויסגראדן די סוגיא. די גמרא זאגט סתם, אז ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש, האט מען געזאגט, נהירן שמעתתא, עס איז אזוי קלאר דאס לערנען, אזוי ווי אין די יארן פון חוני המעגל. [איך בין מסופק צו ער האט אנגעהויבן צו רעדן אין לערנען, ווייל ער האט דאך געפרעגט, צו עס איז געבליבן קינדער פון חוני המעגל, און מען האט אים געזאגט, אז די קינדער זענען נישט געבליבן, איז ער דאך געווארן אן אבל, דארף ער דאך זיצן שבעה, איז ער דאך אסור בלימוד התורה. עס קען גאר זיין, אז ווען מען האט אים געזאגט אז זיינע קינדער לעבן נישט, האט ער נישט געקענט ממשיך זיין און רעדן אין דברי תורה]. – על כל פנים עס שטייט נישט אין די גמרא אז ער האט גערעדט דברי תורה. מען האט נאר געזאגט, אז עס איז קלאר געווארן אין בית המדרש דאס לערנען, אזוי ווי אין די יארן פון חוני המעגל.

**איך** מיין אז עס ליגט דערין א געוואלדיגער מוסר השכל. עס איז דא אמאל, וואס די קדושה פון א מקום, די קדושה פון א רבי'ן פון וועם מען לערנט תורה, ברענגט אריין א אור אין די שטוב, אז עס ווערן בטל די קליפות און די טומאה וואס עס ליגט דארטן, וואס דאס טוט שטערן אז מען פארשטייט נישט קיין לימוד התורה. אלע קשיות וואס מען האט, שטייט שוין פון פריערדיגע (אר"י הק' שער המצות פ' ואתחנן), אז עס נעמט זיך פון די קליפות וואס ברענגען די קשיות. און מיט די תירוצים, טוט מען צעברעכן די קליפות.

**חוני** המעגל וואס איז געווען אזוי גרויס, מען זעהט דאך אז ער האט געקענט ברענגען רעגן. און ער האט געקענט זאגן פארן אייבערשטען, אז ער רוקט זיך נישט אוועק, ביז עס קומט רעגן. ווען חוני המעגל איז אריינגעקומען אין בית המדרש, נאך בחייו, האט מען נישט געדארפט גיין פרעגן די קשיא, און ער זאל ענטפערן דעם תירוץ. נאר עס איז אריינגעקומען אזא אור, אזא קדושה, אין בית המדרש, אז עס איז פארענטפערט געווארן ביי יעדן איינעם די קשיות וואס ער האט געהאט. און דער חוני המעגל איז יעצט אריינגעקומען אין בית המדרש נאך זיבעציג יאר, ער האט זיך נישט געדארפט אראפזעצן לערנען מיט זיי און מסביר זיין, זיי האבן געזאגט, אז עס איז יעצט דא אזא אור אין בית המדרש, אזוי ווי עס איז געווען אין די יארן פון חוני המעגל. ווייל די קדושה פון חוני המעגל האט ליכטיג געמאכט דעם בית המדרש. און דאס איז יעצט אריינגעקומען, ווען חוני המעגל איז אנגעקומען.

**די** יודען האבן געדארפט זיין אלטע יודען, זיי האבן דאך געדענקט וואס עס איז געווען ביי חוני המעגל,

ווען ער איז געווען אין בית המדרש. חוני המעגל איז שוין נישט דא זיבעציג יאר, איז דאך טייטש אז די יודען זענען געווען אומווייניגסטענס אכציג נייניג יאר אלט, א בית המדרש פון זקנים. און זיי האבן געדענקט וואס עס איז געווען דעמאלטס ווען חוני המעגל איז געווען. זיי האבן זיך דערמאנט, אז ווען חוני המעגל איז געווען דא, איז געווען אין בית המדרש אזא קלארקייט, אזא קדושה, אז אלעס איז פארענטפערט געווארן, און דאס האבן זיי יעצט אויך געשפירט, אז אלע שוועריקייטן איז זיי פלוצלינג גראד געווארן.

**די** גמרא (חגיגה טו:) זאגט, אם הרב דומה למלאך ה' צבאו'ת יבקשו תורה מפיהו, ואם לאו אל יבקשו תורה מפיהו. מען דארף לערנען תורה ביי א רבי וואס איז אזוי ווי א מלאך ה' צבאו'ת. פארוואס דארף ער זיין ווי א מלאך, ווען ער איז נאר א פשוט'ער יוד וואס איז א שומר תורה ומצוות, קען מען נישט לערנען קיין תורה פון אים? אוודאי דארף מען זיין אן ערליכער יוד, ווייל פון א רשע טאר מען נישט לערנען קיין תורה, אבער פארוואס דארף ער זיין אזוי ווי א מלאך ה' צבאו'ת.

**אמת**, תורה קען מען לערנען ביי יעדן איינעם, אפילו ער איז נישט קיין מלאך. א ערליכער יוד קען דיר אויך זאגן פשט אין א תוספות וכדומה. אויב האסטו אבער א רבי וואס איז א מלאך ה' צבאו'ת, וועסטו נישט דארפן אפילו פרעגן קיין תורה. דער רבי מיט זיין קדושה וועט אריינברענגען אזא הייליגקייט אין בית המדרש, אז זאכן וואס דו דארפסט זיך פלאגן דערויף, וועט דיר קלאר ווערן אן דעם וואס דו וועסט זיך דארפן פלאגן דערויף. - און דאס איז געווען ביי חוני המעגל, ווען חוני המעגל איז אריינגעקומען אין בית המדרש, האט מען געזאגט, נהירן שמעתתא, עס איז יעצט קלאר די תורה, אזוי ווי אין די יארן פון חוני המעגל.

**מען** ברענגט צו פונעם הייליגן **חתם סופר זי"ע**, אז ער האט אמאל מוסר געזאגט פאר די תלמידים אויף א געוויסן ענין. און ער האט זיי געזאגט, עטץ זענטס נישט אזעלכע תלמידים ווי מיר זענען געווען ביי אונזער רבי'ן, **רבי נתן אדלער**. און דער הייליגער חתם סופר האט אויסגערעכענט אויף זיך אליין, ווי אזוי ער איז געווען אדוק אין זיין רבי'ן רבי נתן אדלער אויסערגעווענליך. נאכדעם האט ער זיי געזאגט, אבער אמת, עטץ זענטס נישט אזעלכע תלמידים ווי מיר זענען געווען, אבער עטץ זענטס נישט שולדיג, ווייל עטץ האטס נישט אזא רבי ווי איך האב געהאט! ווען מען האט אזא רבי וואס איך האב געהאט, זענען אויסגעוואקסען אזעלכע תלמידים. עטץ האטס נישט אזא רבין ווי איך האב געהאט, ממילא זענט עטץ אזוי.

**זעהט** מען, אז עס איז דא אמאל וואס א רבי איז אזוי ווי א מלאך ה' צבאו'ת, און דאס ברענגט אריין א אור אין בית המדרש, אז מען זאל שטייגן אין תורה. - און צו די מדריגה איז חוני המעגל צוגעקומען. ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש איז געווארן א לופט פון תורה, עס איז געווארן א ליכטיגקייט אין די תורה וואס מען האט געלערנט, און דאס איז געווען פון די קדושה וואס חוני המעגל האט געהאט אין זיך.

*

**ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, די תלמידים זענען שענער פונעם רבין, איך האב זיך נישט וואס אפצורעדן. ב"ה עס איז באמת צו באוואונדערן די התמדת התורה, מען ליגט אין לערנען, מען האט נאך צייט צו לערנען 'ובהם נהגה'. און נישט נאר צו לערנען אלץ א שיעור, נאר אויך נעמען בחינות דערויף, און זיך פארהערן, הקטנים עם הגדולים. עס איז נוגע פאר די בחורים, עס איז נוגע פאר די בעלי בתים, כאטש מען ארבעט א גאנצן טאג, פון דעסטוועגן דאך נעמט מען זיך צייט ביינאכט, און מען לערנט, און מען נעמט בחינות. יונגעלייט וואס האבן נישט געגומען קיין בחינות אלץ בחור אין ישיבה, אבער יעצט נעמען זיי!** כדי מען זאל קענען א מסכתא, און מען זאל עס געדענקען, ווענדט זיך עס נישט אינעם לערנען אליין. אז מען שטעלט זיך אויף א בחינה, לערנט מען אנדערש, מען לייגט צו מער קאפ, ווייל מען וועט עס דאך דארפן קענען שפעטער. און ווען ער גייט אוועק פון די בלאט גמרא, טראכט ער עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל, כדי ער זאל עס קענען שפעטער ביי די בחינה. עס איז א געוואלדיגער חיזוק וואס עס גיט דאס וואס מען לערנט און מען נעמט די בחינות דערויף.

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה (במדבר כא-כז), על כן יאמרו המושלים בואו חשבון, די גמרא (בבא

בתרא עח:) זאגט, על כן יאמרו המושלים, אלו המושלים ביצרם. די מושלים ביצרם זאגן, בואו חשבון, בואו ונחשוב חשבונו של עולם, לאמיר איבערטראכטן חשבונו של עולם, הפסד מצוה כנגד שכרה, שכר עבירה כנגד הפסדה. רעכן איבער 'הפסד מצוה', דו האסט אמאל שאדן וועגן די מצוה, מען דארף קומען אין בית המדרש לערנען, און איך וואלט געקענט גיין דא, און איך וואלט געקענט גיין דארט, איך וואלט געקענט הנאה האבן, און איך טו עס פארפאסן. עס איז אמת, דו האסט א הפסד פאר די מצוה, אבער זיי דיך מתבונן 'כנגד שכרה', ווי גרויס וועט זיין דער שכר שפעטער וואס דער אייבערשטער וועט באצאלן דערויף. ווי גרויס וועט זיין דער עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים. ווען דו וועסט מעסטן די הפסד מצוה, וואס דו האסט שאדן געהאט פון די מצוה, איז עס קלייניגקייטן! הבל הבלים! א טאג שפעטער האסטו גארנישט דערפון! און זיי דיך מתבונן 'שכר עבירה', דו האסט געטון אן עבירה, און דו האסט עפעס פארדינט. טראכט עס איבער 'כנגד הפסדה', די גרויסע שאדן וואס דו וועסט אנליידן שפעטער אויף די עבירה וואס דו האסט געטון. איז די מושלים ביצרם, די טראכטן שטענדיג דעם הפסד מצוה כנגד שכרה, שכר עבירה כנגד הפסדה.

**עס** איז דא א ווארט פונעם הייליגן גר"א, אז די משנה (אבות ג-א) זאגט, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, פארוועם וועסטו געבן דין וחשבון. וואס איז דער דאפעלטער לשון, דין וחשבון? - זאגט דער גר"א, אז א מענטש וועט אפגעבן דין אויף אן עבירה וואס ער האט געטון, און עס איז דא א דאפעלטער חשבון מיט אים. איינס אויף די עבירה, דו האסט געטון די עבירה, קומט זיך א עונש אויף די עבירה וואס דו האסט געטון. ווען מען וועט זיין פארטיג מיט די עונש אויף די עבירה, וועט מען מאכען א 'חשבון', אזויפיל שעות האסטו אוועקגעגעבן פאר גארנישט. אין די צייט וואלסטו געקענט דינען דעם אייבערשטען, דו וואלסט געקענט קונה זיין אזויפיל מצות אין די צייט. מען וועט מאכן א חשבון פון די אלע שעות וואס א מענטש האט אוועקגעגעבן פאר הבלי עולם הזה, פארוואס האסטו עס נישט אויסגענוצט, אז דו זאלסט קענען שטייגן אין תורה.

**די** מושלים ביצרם, זענען טאקע מושלים ביצרם, זיי טוען נישט קיין עבירות, אבער זיי זאגן אלץ 'בואו חשבון' לאמיר מאכן א חשבון וויפיל שעות מיר האבן וואס גייט ביי אונז אדורך ליידיג, וואס מען קען עס אויסנוצן צו דינען דעם אייבערשטן. - **א וואך האט זיבן טעג. וויפיל שעות? הונדערט אכט און זעכציג שעה, איז דא אין איין וואך. וויפיל מינוטן? איבער צען טויזענט מינוטן איז דא אין איין וואך! וויפיל שעות פון דעם גיט א מענטש אוועק פאר תורה? וויפיל צייט וואלט ער געקענט אוועקגעבן פאר תורה און ער גייט ליידיג. איך רעכן נישט הונדערט אכט און זעכציג שעה, ווייל מען דארף דאך שלאפן ביינאכט אויך, אבער ווען א מענטש וואלט אויסגענוצט הונדערט שעה א יעדע וואך אין תורה, וויפיל וואלט ער געקענט אנקומען! נישט איין 'ובהם נהגה' וואלט ער געקענט ענדיגן, נאר ער וואלט געקענט ענדיגן 'ובהם נהגה' מיט 'דרשו' און נאך א שיעור אויסער דעם!**

**די** מושלים ביצרם זאגן, בואו חשבון, לאמיר לעבן מיט א חשבון. לאמיר נישט אדורכלאזן אונזערע טעג ליידיג, **עס איז דא אזויפיל שעות וואס מען קען אויסנוצן פאר תורה, נישט גיין ליידיג! לערן גמרא תוס', אז מען האט נישט קיין קאפ פאר גמרא תוס', לערנט מען א גרינגערן לימוד, לערנט מען שלחן ערוך, לערנט מען משניות, לערנט מען חומש רש"י, אבער מען נוצט אויס די צייט! נישט גיין ליידיג! נאר אויסנוצן די צייט פאר תורה.** די מושלים ביצרם לעבן אייביג מיט א חשבון, און זיי זאגן בואו חשבון.

*

**און** עס ליגט נאך טיפערס אין דעם בואו חשבון. מען האט געלערנט פאריגע וואך חומש רש"י, וואס איז געווען די מעשה מיט די שטאט חשבון? די שטאט חשבון האט געהערט פאר סיחון, סיחון איז געווען דער מלך פון חשבון. פארוועם האט עס געהערט פאר דעם? פאר מואב. סיחון איז געגאנגען, און ער האט מלחמה געהאלטן מיט מואב, און ער האט צוגענומען די שטאט חשבון פון זיי, און חשבון איז געווארן דער שטאט פון סיחון. ווער האט פארדינט דערפון? יודען. ווייל מיט עמון ומואב האט מען נישט געטארט מלחמה האלטן, אל תתגר בם מלחמה (דברים ב-ט), קומט אויס אז ווען חשבון וואלט געבליבן ביי מואב, וואלטן עס יודען נישט געקענט האבן. איז געגאנגען סיחון, און ער האט מלחמה געהאלטן מיט מואב, און ער האט צוגענומען פון זיי חשבון, עמון ומואב טיהרו בסיחון

(חולין ס:), עס איז שוין מער נישט מואב'ס, האבן עס יודען געקענט נעמען.

**יעצט** לאמיר מאכן א שטיקעלע חשבון. סיחון איז ארויסגעגאנגען אין א מלחמה איינצונעמען חשבון. די מלחמה האט אים געקאסט אסאך כח, און געלט, און מיליטער, ער זאל איינעמען חשבון. אין יעדע מלחמה שטארבן דאך מענטשן, ער האט זיכער פארלוירן צענדליגער צענדליגער סאלדאטן, וואן ער איז געגאנגען איינעמען די שטאט חשבון. און וויפיל קאליקעס זענען געווארן, וויפיל פארוואונדערטע איז געווארן, ווי ביי יעדע מלחמה. געענדיגט האט זיך עס אבער אז ער האט געזיגט, ער האט די שטאט חשבון. ווילאנג האט זיך עס געהאלטן ביי אים? איך ווייס נישט וויפיל צייט עס איז געווען, צו א וואך, צו א חודש, יודען זענען געקומען און זיי האבן צוגענומען פון אים חשבון. האט זיך סיחון געמאכט נאכדעם א חשבון פאר זיך אליין, אויף דעם האב איך מיך געדארפט פלאגן? איך האב זיך געפלאגט איינצונעמען א גאנצע שטאט, פאר וועמען, אז שפעטער איז עמון ומואב טיהרו בסיחון, אז יענער זאל עס קענען נעמען?

**די** מושלים ביצרם זאגן שטענדיג, 'בואו חשבון', מיר זענען נישט בעסער, מיר טוען אויך די זעלבע. **דו פלאגסט דיך פאר די וועלט, דו פלאגסט זיך פאר הבלי עולם הזה, דאס וועט בלייבן ביי דיר אייביג? עס איז דאך דא א צייט וואס מען לאזט אלעס איבער, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות** (אבות ו-ט), **פארוועם פלאגסטו זיך? דו פלאגסט זיך פאר יענעם, אז דיינע קינדער זאלן האבן, און וועגן דעם געבסטו אוועק דיין הייליגע צייט, דו געבסט עס אוועק פאר יענעם?!** די מושלים ביצרם זאגן שטענדיג, בואו 'חשבון', קוקטס וואס עס איז געווען ביי חשבון, סיחון איז געגאנגען מלחמה האלטן צוצונעמען חשבון, פארוואס, ער זאל האבן נאך א מדינה, ער זאל האבן נאך א שטאט. וואס האט ער געהאט דערפון, גארנישט! ער האט זיך געפלאגט אז יענער זאל האבן! - דאס זאגן די מושלים ביצרם, פלאג דיך נישט אז יענער זאל האבן, פלאג דיך אז דו זאלסט האבן. ווילאנג מען לעבט, און מען האט כח צו דינען דעם אייבערשטן, דארף מען אויסנוצען די צייט אז מען זאל קענען מרויח זיין וואס מען דארף.

**די שענסטע יארן וואס מען האט אויף די וועלט, איז די בחור'ישע יארן. די שענסטע יארן וואס מען האט, איז יעצט, עס וועט קיינמאל נישט צוריק קומען שפעטער. און מען דארף עס אויסנוצן, עס איז א שאד יעדע מינוט אז מען נוצט עס נישט אויס! מען זיצט אינדרויסן אין קעמפ, מען האט אזויפיל פרייע צייט, וואס מען קען זיצן און לערנען. - איך רעד מיך נישט אפ, די בחורים נוצן עס אויס און מען לערנט פלייסיג - אבער עס האט נישט קיין שיעור וואס מען קען אלץ מוסיף זיין אויף וויפיל מען לערנט. עס קומט יעצט מסכת מגילה, עס איז נישט גענוג אז מען זאל עס לערנען, מען דארף עס אזוי לערנען אז מען זאל קענען גיין צו א בחינה. יעדער איינער זאל קענען נעמען א בחינה, עס איז דאך דא שכרה בצידה אויך. עס איז א גרינגע מסכתא, ביז איבער די הייליגע טעג האט מען אפגעלערנט די מסכתא אינגאנצען, נאך די הייליגע טעג וועט מען שוין האלטן ביי די קומענדיגע מסכתא. עס איז א גרינגע מסכתא און א שיינע מסכתא, א מסכתא וואס יעדעס יאר פורים לעבט מען מיט די מסכתא.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר גייען אוועק פון מסכת תענית, דער סיום פון די גמרא (תענית כו:) רעדט דאך פון משנכנס אב ממעטין בשמחה, און מיר גייען אריין אין מסכת מגילה, וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה, זאל זיין שמחות ביי אלע יודישע שטובער, די טעג וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן פון בית המקדש זאל נתהפך ווערן לששון ולשמחה. - מען זאל געדענקען, אז די סיבה פארוואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז געווען וועגן שנאת חנם. מען דארף זיין עג עוגה, מאכן א רינג, עס זאל נישט זיין קיין שנאה, און קיין קנאה, נישט ברוגז זיין איינער אויפן צווייטן. וויסן אז יעדער איינער האט זיין תפקיד אויף די וועלט. דער אייבערשטער גיט פאר יעדן איינעם וואס עס איז נוגע פאר אים. אז מען וועט האבן דעם רינג, דעם לך כנוס את כל היהודים, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין אז דער באשעפער וועט זיך אויך מרחם זיין אויפן כלל ישראל. לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, די מידה פון שלום וועט זיין א מחזיק ברכה, און מען וועט אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת פנחס – שבעה עשר בתמוז***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **לוי מיכאל גראס** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יעקב גראזינגער** הי"ו, שהתקיים בשכונת פארק סלאפ. אחר הפדיון בירך **רבינו שליט"א** ברכת בורא פרי הגפן על הכוס, ונתן לשתות לתינוק שהגיע לחינוך, בהיות שלא השתתף אצל הסעודה (עיין בשו"ת **בצל החכמה** ח"ד סימן קט).

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסבורג) לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים (מתוך הספר **י"ג אורות** ח"ב). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א.**

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

איתא בספר **אורח לצדיק** (פ' תזריע) שהנשמה יש לה מעלה בהתורה ובשכל העליון, עד שתגרום להגוף שתתהפך החומר לצורה. כמו ששמעתי מאאמו"ר זצ"ל שאמר כמה פעמים, הלואי שיהיה לבני אדם נשמה טהורה מזדככת כמו הגוף שלי. וכל זה גרמה הנשמה בתורתה ובשכל עליון עד שנעשה הגוף מרכבה שלמה לקדושתו יתברך.

ובספר **באר מים חיים** (פ' תצוה) כתוב וזה לשונו, הצדיק גופו זך ומזוכך כבחינת הנשמה כי הם מהפכין החומר לצורה. ואמרו חז"ל (ילקוט תהלים תתלג) אשריהם הצדיקים כי מזככים את גופם בתכלית הזיכוך והקדושה והטהרה, עד שנעשה הגוף כצורה, וכמו אברהם אבינו וחנניה מישאל ועזריה שנשלכו לתוך כבשן האש ולא נשרפו, ובודאי אם היה מעט חומר בגופם היה זה נשרף, רק שהיה כולו צורה, ונשמה לא תשרף באור, וכמו משה ואליהו שעלו למרום בגופם, כי הפכוהו לנשמה עכ"ל.

**והסביר רבינו:** דער פשט איז נישט, אז זיי האבן מהפך געווען די חומר, אז דער חומר איז מער נישט א חומר, עס איז מער נישט קיין פלייש. און ווען מען ווארפט אים אריין אין פייער, ווערט ער נישט פארברענט. אזוי ווי א נשמה ווערט נישט פארברענט, ווערט די גוף אויך נישט פארברענט. סוף כל סוף א גוף בלייבט א גוף, און ער דארף עסן און טרינקען, און ער האט הרגשים, אפילו נאכדעם וואס מען האט זיך אויסגעארבעט. די פשט איז נאר, אז ער האט זיך אויסגעארבעט זיין גוף, אז עס האט שוין נישט געהאט אין זיך קיין שום פסולת וואס זאל זיין א זאך וואס געהער נישט צו קדושה. אז ווען די פייער איז אראפגעקומען אויף אים, וועגן זיין קדושה האט נישט שולט געווען דער פייער אויף אים. דאס מיינט נישט צו זאגן, אז דער גוף אליין איז נישט געווען א גוף.

**צדיקים** זענען מהפך דעם חומר פאר א העכערן ענין, אזוי ווי די נשמה. א ראיה דערויף איז, מיר זענען צוגעוואוינט צו זעהן בילדער פון צדיקים, און פון אמאליגע צדיקים, און אזעלכע בילדער זעהט מען נישט אין די גאנצע וועלט, מען זאל דערקענען אויף די פנים פנעם צדיק. די וואס האבן זוכה געווען צו קענען די פריערדיגע צדיקים, האבן עס געזעהן בחוש, ווי אויף זייער פנים איז געווען אזא איידלקייט, אזא אור איז געווען אויף דעם פנים פונעם צדיק. אזעלכע סארט בילדער איז נישט דא נאר אינעם כלל ישראל. ווייל יודען זענען אין אזא מדריגה, אז זיי טוען מהפך זיין דעם חומר לצורה.

*

פעם נתעלף **הרבי ר' אלימלך**, וכל הפעולות שעשו להעירו לא פעלו מאומה [דאס איז טייטש, אזוי ווי מען פארשטייט אז ווען א מענטש שלאפט טיף, קען מען אים נישט אויפוועקן. ווען ער באקומט א אנעסטיזשי"ע, קען מען קלאפן אויף אים, און ער וועט זיך נישט אויפוועקן. די זעלבע איז די דביקות וואס א צדיק האט, ער גייט ארויף אויבן אין הימל, איז ער אויסגעטון פון דעם עולם, אז וואס מען האט געטון פאר אים דא, האט אים נישט געקענט צוריקברענגען]. קמו חסידים ונסעו **להרה"ק רבי אברהם משה מפשעווארסק זצ"ל** (הראשון) לשאול לו כדת מה לעשות. ויעץ להם, שבן אדם מגושם יגע בו. כששבו מנסיעתם עשו לו כעצת הרה"ק רבי אברהם משה, ומיד נתעורר הרבי ר' אלימלך מהתעלפותו. אחר כך התבטא הרה"ק רבי אברהם משה, שאפילו אם היה כבר אחרי פטירתו, היה קם וניעור באופן זה.

**והסביר רבינו:** עס איז זייער א אינטערעסאנטע ווארט צו זאגן, אז אפילו נאכדעם וואס מען איז שוין געשטארבען, אז מען זאל צורירן צו רבי ר' אלימלך א

מגושמ'דיגער מענטש, וואלט ער זיך אויפגעוועקט. אבער יעדע זאך האט א מקור אין חז"ל, עס איז דא א גמרא (סנהדרין מז.) אז אלישע איז געווען א תלמיד פון אליהו הנביא, און אליהו איז דאך געווען איש פקיד על כל בשורות טובות, און די נסים וואס אליהו האט געמאכט. און פאר אליהו איז עלה בסערה השמימה, האט אים אלישע געבעטן אז ער זאל אויף האבן די זעלבע כח. האט אים אליהו געזאגט, אז אויב דו וועסט זעהן ווי אזוי איך גיי ארויף אויבן אין הימל, וועסטו קענען אזוי זיין. און עס שטייט אין פסוק אז אלישע האט געמאכט מער מופתים פון אליהו. שטייט אין פסוק (מלכים ב יג-כא) אז נאך די פטירה פון אלישע האט זיך געמאכט א מלחמה מיט מואב, זיי זענען אריינגעקומען אין די גרעניצן פון יודען, און זיי האבן גענומען פון די פארמעגן פון יודען. און איינמאל האט מען געהאלטן אינמיטן קובר זיין א מת, און אזוי ווי די פיינט זענען אנגעקומען, האט מען נישט געוואוסט וואס מען זאל טון מיט דעם מת, האט מען גע'עפנט די מערה וואו אלישע איז געווען, און מען האט אריינגעלייגט דעם מת, און זיי זענען אוועקגעגאנגען. זאגט דער פסוק, אז ווען מען האט אים אריינגעלייגט האט ער צוגערירט צו אלישע, איז ער אויפגעשטאנען לעבעדיגערהייט, און ער האט ארויסשפאצירט פון די מערה. זאגט די גמרא, ווייל אין קוברין רשעים אצל צדיקים, און די גוף פון אלישע האט נישט געקענט סובל זיין, אז א רשע האט צוגערירט דערצו, איז געשעהן א נס, אז א טויטער גוף איז אויפגעשטאנען תחיית המתים, און ער האט אוועקשפאצירט. און אין מדרש (ילקוט מלכים רלג) שטייט, אז ער איז צוריקגעגאנגען לעבעדיגערהייט אין שטוב, און ער האט נאכדעם געבוירן קינדער. זעהט מען אז עס איז דא אזא געדאנק אז א צדיק אפילו נאך די פטירה, אז עס רירט צו, צו אים א זאך וואס איז היפך פון קדושה, קען עס צוברענגען אפילו צו תחיית המתים.

*

**הרה"ק מראפשיץ זי"ע** שח פעם מגודל מדריגות תלמידיו הקדושים של **הרבי ר' אלימלך**, ה"ה **החוזה מלובלין, המגיד מקאזניץ, ורבי מענדל מרימנוב**. ואחר כך סיים ואמר שלהרבי ר' אלימלך אינם מגיעים אפילו לקרסוליו. בקשר להנ"ל אמר פעם הרה"ק מראפשיץ, לולא דמסתפינא מהזקן (רבי מענדל מרימנוב שהיה הזקן שבין הצדיקים הנ"ל) הייתי אומר שהם היו כולם בבחינת בעלי תשובה, ורק הרבי ר' אלימלך היה צדיק מעיקרא.

**והסביר רבינו:** עס מיינט נישט אז זיי זענען געווען בעלי עבירה פארדעם, און נאכדעם זענען זיי געווארן בעלי תשובה. מען ברענגט צו, אז מען האט אמאל געזאגט פארן מיטלען **בעלזער רב זי"ע**, אז דער **צאנזער רב** האט אמאל געזיפעצט, און ער האט געזאגט, וואס טוט מען מיט די עבירות פון די יוגענט. האט דער בעלזער רב זיך אנגערופן, וואס איז געווען די עבירות פון די יוגענט פונעם צאנזער רב, אז עס איז אים איינגעפאלען אינמיטן די שמונה עשרה א תירוץ אויפן רמב"ם. ווען מען זאגט אויף א צדיק אז ער איז א בעל תשובה, מיינט עס צו זאגן, אז עס פאלט אים איין אמאל צו פארענטפערן א רמב"ם, און אויף דעם דארף ער תשובה טון.

*

פעם במוצאי יום הכיפורים בעת תפלת ערבית **כשהרבי ר' אלימלך** אמר סלח לנו אבינו כי חטאנו, היה קשה לו על מה מבקשים סליחה, והלא זה עכשיו בתפלת נעילה בודאי נמחל הכל, ומתי היה פנאי לחטוא מחדש. עמד והתבונן בדבר, ועלה בחשבונו שמנעילה עד תפלת ערבית כבר עבר על ארבע מאות עבירות.

בספר **גדולת הצדיקים** (ח"ב אות נז) מביא קושיא זו **מהרה"ק הזקן מווארקא**, והשיב שאם לא היינו חוטאים, לא היו צריכין לעמוד ביום הכיפורים מבוקר עד ערב לבקש מהשי"ת שיכפר ויסלח וימחול על עונותינו, והיינו יכולים לעסוק בתורה כל היום. ועל זה אנו אומרים תיכף במעריב סלח לנו, שלא עסקנו בתורה כל היום.

**והעיר רבינו:** איך פארשטיי נאכנישט קלאר די תירוץ, ווייל טאמער דאס איז א עבירה, האט דאך יום כיפור אויף דעם אויך מוחל געווען. אז יום כיפור האט מוחל געווען די עבירות, האט עס אויך מוחל געווען אויף די עבירה אז מען האט נישט געקענט לערנען היינט. - מן הסתם איז געווען פיר הונדערט ווערטער אין תפלת מעריב וואס ער האט געהאלטן אז ער האט נישט געהעריג געדאווענט, און עס איז א עבירה. איז דער מעריב אליין געווען די עבירות וואס ער האט געדארפט דערויף בעטן סלח לנו.